בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קכ"ד

יו"ל: ט"ז מנחם אב ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

# תוכן השיעור

**איך דארף נישט קיין בעסערן חסד**
**ער האט דאך מיר שוין דערציילט**
**וואו איך זעה ערגעץ א חסרון**
**"להפוך קערה על פיה"**
**"ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים"**
**תפילה למעלה מטבע**
**ארויסגענומען ׳חוץ לישוב׳**
**׳דארטן׳ כאפט מען נישט קיין פלאץ...**
**געפאלן חלשות**
**"כמוני ממש"**
**יא, דו קענסט אויך זיין א ׳נכנס ויצא בשלום׳**
**אריין אין איין ׳יחוד׳**
**"וְהָאֱמֶת עַד לְעַצְמוֹ"**
**קיינער איז נישטא!**
**נישט געוואלט קוקן אויף אים**
**ער מיינט נאך אז ער האט צייט...**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
ארה״ק: 02.560.7387
ארה״ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #124

בס"ד

# פרשת משפטים (ח"ב)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 137#)

## איך דארף נישט קיין בעסערן חסד

"וְעַל-כָּל-פָּנִים, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ"[א]. אז א מענטש בעט דעם אויבערשטן א זאך, אפילו ער ווערט נישט געהאלפן מיט דער זאך וואס ער בעט, זאגט דער רבי, אבער דער אויבערשטער הערט דאך זיין קול - "שזה ישועתו".

פלעגט מען תמיד רעדן, אט דאס אליין איז מיין ישועה, אז דער אויבערשטער הערט צו מיין קול. איי, וואו גייט אוועק די תפילה? וואס ווערט דערפון? אז דער אויבערשטער הערט צו מיין קול - דאס איז שוין מיין ישועה!

ר' אלחנן (ספעקטור ז"ל) פלעגט דערציילן תמיד, מיר האבן געהאט אין ווארשע א חסיד א גרויסער ערליכער איד, א גרויסער עובד השם, א געוואלדיגער מענטש -

---

[א] לשון רביז"ל בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ו, וזל"ש בא"ד: וְכֵן בִּתְפִלָּה; שֶׁבִּתְחִלָּה יֵשׁ לוֹ כַּמָּה מְנִיעוֹת עַל הַתְּפִלָּה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹבֵר עֲלֵיהֶם וּבָא לְהִתְפַּלֵּל, כְּשֶׁלִּבּוֹ עָקֹם וּפְתַלְתֹּל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֹאת הַמְּנִיעָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם כַּנַּ"ל, הַיְנוּ בְּחִינַת (תְּהִלִּים ל"ח): "לִבִּי סְחַרְחַר". תַּרְגּוּם 'סָבִיב' 'סְחוֹר סְחוֹר'. דְּהַיְנוּ שֶׁלִּבּוֹ מְסֻבָּב וּמֻקָּף וּמְעֻקָּם בְּעַקְמוּמִיּוּת וְקֻשְׁיוֹת וּכְפִירוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת (שְׁמוֹת א): "וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה" וְכוּ'. וְאִיתָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן יג דַּף כח.): בְּקֻשְׁיָא וְכוּ', הַיְנוּ הַקֻּשְׁיוֹת שֶׁבְּלִבּוֹ, שֶׁהֵם הַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה מִכֻּלָּם, **וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב**, **וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ**. וְיָכוֹל לִהְיוֹת, שֶׁמִּזֶּה בְּעַצְמוֹ יִפֹּל וְיִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי כָּל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּנִיעוֹת הַנַּ"ל, **וְעַל כָּל פָּנִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ**. וְזֶה אוֹתִיּוֹת קֻשְׁיָא רָאשֵׁי תֵבוֹת: "שְׁמַע יְיָ קוֹלִי אֶקְרָא" (תְּהִלִּים כ"ז) שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה כַּנַּ"ל.

ר' אלחנן לויבט אים זייער, נאר א געוואלדיגער ארעמאן געווען, מיט א שטוב מיט קליינע קינדער.

פלעגן אים די קינדער פרעגן: "טאטע, די גמרא זאגט דאך[ב]: 'כל העוסק בתורה בלילה, הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום'; דו שטייסט דאך אויף אלע נאכט חצות און דו דינסט דעם אויבערשטן - וואו איז דער 'חוט של חסד'? מיר האבן דאך נישט וואס צו עסן, מיר זענען דאך ארעם?"

**האט ער געזאגט: "אט דאס אליין איז שוין דער 'חוט של חסד' - אז איך שטיי אויף ביינאכט און איך רעד צום אויבערשטן; איך דארף נישט האבן קיין בעסערן חסד ווי דאס אז דער אויבערשטער העלפט מיר בייטאג אז איך שטיי נאכאמאל אויף די אנדערע נאכט אויך!"[ג].**

דאס רעדט מען טאקע; אז דער אויבערשטער הערט מיר, דאס איז דאך שוין מיין ישועה.

כאטש איך בעט אויף א זאך וואס די זאך אויף וואס איך בעט וויל איך טאקע געהאלפן ווערן, אבער אמאל הייסט מען צו ווארטן אויך[ד].

---

[ב] חגיגה יב:

[ג] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות י"א: "עַל פִּי רֹב יִפְעֹל בְּבַקָּשָׁתוֹ הַרְבֵּה, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו וְכוּ'". **וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים, חַס וְשָׁלוֹם, לֹא יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ, כִּי זִמְנִין דִּשְׁמַע זִימְנִין דְּלָא שְׁמַע, עַל כָּל פָּנִים הִרְוִיחַ שֶׁקֵּרֵב עַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה, כִּי אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיִּקָּרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה**, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פד דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וְכוּ')".

[ד] וירא דף ק"ה ע"ב. עיין גם חיי מוהר"ן אות תקנ"א: "פַּעַם אַחַת דִּבֵּר מֵעִנְיַן תְּפִלַּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁלִּפְעָמִים אֵין פּוֹעֲלִים בִּתְפִלָּתָם, כִּי זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שְׁמַע כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ". גם עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ב, אות א': "אַף עַל פִּי שֶׁגַּם תְּפִלַּת הַצַּדִּיק שֶׁהִיא זַכָּה לְגַמְרֵי. לִפְעָמִים אֵין נַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שָׁמַע אַף עַל פִּי כֵן תְּפִלַּת הַצַּדִּיק עוֹשָׂה רֹשֶׁם בְּוַדַּאי וּמְקֻבֶּלֶת לְרָצוֹן בְּוַדַּאי. רַק שֶׁאַף עַל פִּי כֵן אֵין ה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ. וּבֶאֱמֶת אֵין אָנוּ מְבִינִים דַּרְכֵי ה'". גם עיין בכוכבי אור 'אנשי מוהר"ן' אות מ"ז.

א מענטש קען בעטן א זאך - און למעלה ווייסט מען אז ער דארף האבן עפעס גרעסערע ישועות, נאר ער ווייסט נישט, ניצט מען אוים די ישועות אויף אנדערע זאכן[ה].

דער רבי רעדט דארטן[ו] פון "תהומא עילאה" "תהומא תתאה". עס איז דא אסאך טייטשן, אבער מען פלעגט טייטשן א טייטש[ז]: "ניסים עילאין" - נאר דער אויבערשטער ווייסט פון די ניסים. למשל, אז א מענטש ווערט קראנק און ער ווערט געזונט, ווייסן אלע פון די ניסים - דאס איז 'ניסים תתאין'. אבער אז א מענטש האט געדארפט קראנק ווערן און ער איז גארנישט קראנק געווארן - ווער ווייסט דאס?! אויף דעם זאגן מיר: "וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ". וואו איז דא ניסים 'בכל יום'? דער תירוץ איז, דער אויבערשטער אליין טוהט מיט אונז[ח] (ניסים שאין אנו יודעין מהם כלל).

---

[ה] עיין בליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות מ"ט: "וְעַל כֵּן כָּל אָדָם אֵיךְ שֶׁהוּא, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, הוּא מְחֻיָּב לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו. וְאִם אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ זוֹכֶה, חַס וְשָׁלוֹם, לִקְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה וְכוּ', אַף עַל פִּי כֵן הַטּוֹב אֵינוֹ נֶאֱבָד כְּלָל, כִּי לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּאִתְאֲבִיד, **כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה נַּעֲשֶׂה מֵהַטּוֹב שֶׁלּוֹ, אוּלַי ה' יִתְבָּרַךְ הִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לְצֹרֶךְ גָּבֹהַּ וְעֶלְיוֹן יוֹתֵר וְיוֹתֵר מֵהָעִנְיָן שֶׁהוּא הָיָה רוֹצֶה**".

[ו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז', אות א': "כִּי יֵשׁ נִסִּין עִלָּאִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת **תְּהוֹם עִלָּאָה**; וְיֵשׁ נִסִּים תַּתָּאִין, שֶׁהֵם בְּחִינַת **תְּהוֹמָא תַתָּאָה**".

[ז] עיין בליקוטי תפילות על תורה ט' מש"ש בזה"ל: "וְאֶזְכֶּה לְהַאֲמִין בְּנִסֶּיךָ הַקְּדוֹשִׁים אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּנוּ מֵעוֹלָם נִסִּים וְנִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת וַאֲשֶׁר אַתָּה עוֹשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עַד עַתָּה, **נִסִּים עִלָּאִין וְנִסִּים תַּתָּאִין, נִסִּים נִגְלִים וְנִסִּים נִסְתָּרִים, נִסִּים עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע וְנִסִּים שֶׁלֹּא עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, נִסִּים בִּכְלָל וְנִסִּים בִּפְרָט, לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה**, בְּכֻלָּם אֶזְכֶּה אֲנִי וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְהַאֲמִין בָּהֶם בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה".

[ח] עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות צ"ט: "בִּבְרָכָה זוֹ אָנוּ מוֹדִים עַל כָּל הַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. וַאֲשֶׁר הוּא יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עַתָּה עִמָּנוּ בְּכָל יוֹם וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁמִּתְפַּלְּלִין שָׁם מָגֵן יִשְׁעֵנוּ לְדוֹר וָדוֹר נוֹדֶה לְךָ וְכוּ' **וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם**, כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנַת הָרָצוֹן מְבִינִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וְכוּ'. כִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה אָנוּ רוֹאִים בְּעֵינֵינוּ בְּכָל יוֹם מֵאַחַר שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁאֵין שׁוּם טֶבַע רַק כָּל הַנְהָגַת הַטֶּבַע הַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְבַד. וַאֲזַי רוֹאִים נִפְלָאוֹת חֲדָשׁוֹת בְּכָל יוֹם. וּמִלְּבַד זֶה אָנוּ מַאֲמִינִים **שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים מֵהֶם בִּלְתִּי הוּא יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלו) לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נִדָּה לא) אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ וְכוּ'".

# ער האט דאך מיר שוין דערציילט

דער זוהר הקדוש ברענגט[ט], עס איז דא א 'מקטרג הגדול' וואס ער איז מקטרג אויף יעדן איינעם בכל יום. עס שטייט אין תיקונים אין דער הקדמה[י]: "הבא להרגך" - דאס איז דער יצר הרע - ער קומט יעדן טאג מיט טענות. פלעגט ר' יצחק בער[יא] זאגן, עס ווערט געבראכט אז דער יצר הרע קומט מיט בכיות אויך - ער קען אויך וויינען פארן אויבערשטן מיט טענות ווען ער איז מקטרג. איז די עצה: "השכם להרגו" - פעדער זיך דו - 'להרגו'.

פלעגן אונזערע לייט טייטשן: "השכם" - טאקע מיטן אויפשטיין פרי, מיט דעם אליין גייט מען אים שוין אנטקעגן.

'השכם' - איידער ער גיט זיך נאר א ריר - שטיי שוין אויף.

עס שטייט טאקע אזוי, אז א מענטש פעדערט זיך און ער האט וידוי דברים נאך איידער דער מקטרג קומט צוגיין דערציילן, זאגט דעמאלט דער אויבערשטער, 'איך האב שוין געהערט פון אים נאך איידער איך האב געהערט פון דיר, ער האט מיר שוין אליין דערציילט - פארוואס דארף איך הערן פון דיר אויך?!'[יב].

---

[ט] וישב קפ"ט:

[י] דף יא.

[יא] מטעפליק, מגדולי תלמידי מוהרנ"ת. הוא ואחיו ר' יקותיאל נולדו מברכתו של ר' יקותיאל המגיד מטירהאוויצע. גר בטירהאוויצע ואח"כ עבר לטעפליק. אפילו המתנגדים העידו עליו שהוא צדיק תמים. נפטר בשנת תרי"ד ומנו"כ בטעפליק.

[יב] עיין ליקוטי הלכות הל' הרשאה ה"ג, אות ד': כְּשֶׁאָדָם שׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וּמְבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים שֶׁיָּקֵל מֵעָלָיו מִשְׁפָּטָיו וְדִינָיו וּמַצְדִּיק עָלָיו אֶת הַדִּין וְאוֹמֵר, וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל הַבָּא עָלֵינוּ כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וְכוּ' לְךָ ה' הַצְּדָקָה וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים וְכוּ' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמְבַקֵּשׁ מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה עִמּוֹ לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין. **וְאָז כְּשֶׁשּׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ וְאֵין הַדִּין שֶׁלְּמַעְלָה צָרִיךְ לְהִתְלַבֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בִּשְׁאָר דְּבָרִים** אֲזַי אֵין לָהֶם שׁוּם יְנִיקָה כְּלָל וְאָז ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹפֵט אוֹתוֹ בְּרַחֲמִים בְּחֶמְלָה וַחֲנִינָה אוֹ מוֹחֵל לוֹ לְגַמְרֵי, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב, **אֲבָל כְּשֶׁאֵין שׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ אֲזַי יֵשׁ דִּין לְמַעְלָה וַאֲזַי, חַס וְשָׁלוֹם, הַדִּין מִתְלַבֵּשׁ בִּשְׁאָר דְּבָרִים וְנוֹתְנִין מִלְּמַעְלָה כֹּחַ וְהַרְשָׁאָה לְמִי שֶׁנּוֹתְנִין שֶׁיַּעֲשֶׂה בּוֹ מִשְׁפָּט כָּתוּב.** וְכָל מַה שֶּׁיּוֹרֵד הַדִּין וְהַמִּשְׁפָּט וּמִתְלַבֵּשׁ יוֹתֵר מִזֶּה יֵשׁ לָהֶם

**קומט דאך אויס טאקע, אז ער איז דער גרעסטער מקטרג אויף א מענטשן, דארף ער (- דער מענטש) זיך טאקע פעדערן.**

❖

## וואו איך זעה ערגעץ א חסרון

**אז דער מענטש איז זיך מרגיל צו דערציילן יעדער זאך דעם אויבערשטן, איז א געוואלדיגע הכרת ה', ער איז געוואלדיג נאנט צום אויבערשטן. אזוי ווי דער רבי זאגט אין דער תורה "ימי חנוכה"[יג]: "סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו" - ער איז נאנט צום אויבערשטן, ווייל יעדע זאך איז נאר דער אויבערשטער אליין.**

**מען זעהט, דער רבי האט געזאגט[יד] צו דער טאכטער (שרה'קע): "האסטו געבעטן דעם אויבערשטן דו זאלסט זיך נישט דארפן קריגן מיט דער דינסט?!" האט דער רבי אנגעהאנגען דעם חסרון, נישט דערפאר ווייל זיי קריגן זיך, נאר 'פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן דו זאלסט זיך נישט דארפן קריגן!'[טו].**

**רבי נתן האט אזוי געזאגט: "וואו איך זעה ערגעץ א חסרון - אדער האט ער גארנישט געהאט קיין התבודדות; האט ער געהאט - האט ער געהאט ווינציג!"**

**אז א ברסלב'ער חסיד האט עפעס א חסרון, איז דאס נאר וואס ער בעט נישט דעם אויבערשטן, אדער ער בעט ווינציג - דאס איז דער חסרון.**

**'וואו איך זעה ערגעץ א חסרון' - סיי ביי זיך, און סיי יענער ביי זיך אויך. מען קען נישט זאגן אז רבי נתן האט געמיינט נאר ביי 'יענעם', נאר ער האט געמיינט - 'וואו**

---

יְנִיקָה, חַס וְשָׁלוֹם, בְּיוֹתֵר. וְאָז כֵּיוָן שֶׁנִּתָּן רְשׁוּת לַמַּשְׁחִית, חַס וְשָׁלוֹם, ה' יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם וְיַצִּיל כָּל יִשְׂרָאֵל מִדִּינִים כָּאֵלֶּה, רַחֲמָנָא לִצְלַן, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

[יג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי ב', אות א', וזל"ש: עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ, **שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ**, כִּי כָל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר, סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר.

[יד] מובא בשיש"ק (חדש) ח"ג, ע"ר.

[טו] עיין שיחות הר"ן רל"ג.

איך זעה ערגעץ א חסרון, אדער האט ער גארנישט געהאט קיין התבודדות׳ (וכו׳ כנ״ל).

(ר׳ נחמן: מען קען זאגן, ווייל איך האב נישט געהאט קיין התבודדות דערפאר זעה איך א חסרון ביי יענעם!) ניין, ניין. (ר׳ נחמן: אזוי ווי מען זאגט פונעם בעל שם[טז]: ״כל הנגעים אדם רואה חוץ״ - איז עם ״מנגעי עצמו!״) ניין ניין, נישט דאס מיינט מען דא, דא מיינט מען פראסט די זאך, ׳אז איך זעה ערגעץ א חסרון׳.

פארוואס מוז מען זאגן אז רבי נתן האט אזוי געמיינט (כלומר, שהכוונה גם על עצמו)? ווייל דער רבי רעדט דאך אין דער תורה פון ״בראשית״[יז] אז דורך די התקרבות צום צדיק קען מען זעהן ׳זיך׳, און זעהן דעם ׳אויבערשטן׳, און קוקן אין דער ׳וועלט׳.

קומט אוים, ווי אזוי קען איך קוקן אויף ׳יענעמ׳ס׳ חסרון - איך דארף דאך פריער קוקן אויף ׳זיך׳?! איז רבי נתן האט געווים געמיינט, סיי ביי זיך און סיי ביי יענעם - ׳וואו איך זעה ערגעץ א חסרון׳. אז א איד האט התבודדות, זעהט ער דאך חסרונות אין זיך. אז ער האט התבודדות זעהט ער דען נאר אלע מעלות? ער דארף דאך אויך זעהן די חסרונות וואס ער האט אין זיך... ער דארף זיך נישט מייאש זיין, ער דארף זיך מחזק זיין, אבער ער דארף דאך אויך זעהן די חסרונות.

❖

---

[טז] עיין דברי שלום פ׳ קרח דף נ״ו ע״ב: שנינו (במס׳ נגעים פ״ב משנה ה׳) כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, ופירש הבעל שם טוב הקדוש, **כל הנגעים** שאדם **רואה חוץ**, זה נמשך **מנגעי עצמו**, כמאמר רבותינו ז״ל (קדושין ד״ע ע״א) **כל הפוסל במומו פוסל**.

[יז] ליקוטי מוהר״ן תניינא סי׳ ס״ז, וזל״ש בא״ד: וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּתְגַּלֶּה זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, כָּל מִי שֶׁמִּתְקָרֵב וְנִכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת, נִפְתָּחִין עֵינָיו, **וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ**, אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁהֵם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ״ל. וְגַם יָכוֹל **לִרְאוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בִּגְדֻלַּת הַשֵּׁם, וּלְהִסְתַּכֵּל בָּעוֹלָם**.

# "להפוך קערה על פיה"

א מענטש דארף האבן א זכרון. אזוי ווי דער רבי רעדט אין דער מעשה[יח] ווי די צדיקים האבן געהאט א זכרון דקדושה, אזוי דארף איך האבן א זכרון אז איך האב דעם אויבערשטן דערצערנט מיט פופציג יאר צוריק - און ווער ווייסט צו איך האב געטוהן תשובה, איך דארף האבן א זכרון!

ווען דארף איך האבן דעם זכרון? מען זאגט דארטן אין די "שש זכירות": "זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר"[יט] - ביים עגל. זעהט מען דאך, מען זאגט אונז אלע, 'געדענק, דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן!'. און מען זאגט ווייטער[כ], 'געדענק, דו ביסט געווען ביים בארג חורב און געזאגט 'נעשה ונשמע'! - דאס איז אויך א זכרון.

אז דער בעל דבר קומט צוגיין צו מיר און ער וויל מיר מאכן פאר א גאנצער 'יש', דארף מען אים זאגן, 'איך האב געמאכט אמאל אַן עגל - וואס ווילסטו? איך בין נישט קיין 'יש'!' דו דארפסט געדענקען - איך האב אמאל דערצערנט דעם אויבערשטן, נישט פארגעסן.

עס איז דא א לשון הגמרא[כא]: "להפוך קערה על פיה" - מען קערט איבער דער 'קערה על פיה'. שטייט פונעם בעל שם הקדוש אזוי, אז א מענטש קומט אויף דער עלטער, דער שטייגער איז דאך אז אַן עלטערער מענטש קען שוין נישט אזוי פיל עסן - אין דער יוגנט האט ער געגעסן מערער, און ער קען שוין נישט אזוי פיל שלאפן, און נאך זאכן וואס ער קען נישט. רעדט ער זיך איין אז ער איז שוין אַן ערליכער איד, ער פארגעסט גאר דער יוגנט, נעמט מען אויבן - און מען גיט א קער איבער דאס שיסל, ווערט אונטן - אויבן, און אויבן - אונטן, עס קומט אראפ דער

---

[יח] מהז' בעטליר'ס - יום הראשון, מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות.

[יט] דברים ט, ז.

[כ] דברים ד, ט-י.

[כא] בבא בתרא טז.

יוגנט - 'זעה וואספארא יוגנט דו האסט געהאט'. 'להפוך קערה על פיה' - מען קערט איבער דאס שיסל אויף אראפ - 'דו האסט פארגעסן? "זעהסטו שוין? זעהסטו?!"[כב].

נאר וואס דען, דאס דארף מען אויך נישט אויף צו ווערן מרה שחורה'דיג. נאר אז ער קומט צו גיין צו מיר און וויל מיר מאכן פאר א גאנצער 'יש' - 'נו, זעה, איך האב דאך א פעקל' - קוק וואס טוהט זיך אונטער דיר.

אבער צוריק ווידער, אז ער וויל מיר ווייטער מאכן מרה שחורה'דיג, ער קען דאך די קונץ אויך - 'דו ווייסט וואס מיט דיר האט זיך געטוהן דעמאלט - ווער ביסטו? ווער ביסטו?!' - 'ניין, איך האב געזאגט 'נעשה ונשמע' אויך, איך האב גוטע זאכן אין מיר אויך, דו ועסט מיר נישט אראפווארפן!' דארף מען האבן דעם משקל ווען צו נעמען דאס, און ווען צו נעמען דאס.

(ר' נחמן: ר' נתן רעדט אז דאס איז דער סוד פון פרה אדומה, מען דארף וויסן ווען זיך צו מחזק זיין און ווען - ) **יא יא**[כג].

❖

---

[כב] עיין אהל אלימלך אות קמ"ב: בשם הרבי ר' אלימלך, שאיש אשר עברו לו השנים דברך לא טוב ח"ו, אז לעת זקנותו ונחלשו אבריו וחושיו והוא לא יוכל לאול ולישן כמו בצעירותו אזי ידמה מנפשו שמה שאינו אוכל הרבה יען שהוא בעל תשובה ומסגף גופו באכילה מועטת. ומה שהוא קם איזהו שעות קודם אור הבוקר הוא מחמת תשובה שרוצה לעמוד באשמורות לעבוד עבודת הבוית"ש. ואינו מרגיש כלל שכל זה הוא מחמת שנחלשו אבריו וחושיו, **ביז ער איז זיך אליין מוחל זיינע עבירות און שטארבט רח"ל אָהן תשובה רחמנא לישזבן, רחמנא לישזבן.**

[כג] עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א, אות י"ב: וְזֶה בְּחִינַת (פייט פרשת פרה) **מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים**, כִּי זֹאת הַבְּחִינָה מַה שֶּׁדָּן אֶת עַצְמוֹ לְכַף זְכוּת וּמוֹצֵא בְּעַצְמוֹ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, זֹאת הַבְּחִינָה מְטַהֶרֶת טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים, כִּי מִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה צָרִיךְ דַּיְקָא לִמְצֹא זְכוּת בְּעַצְמוֹ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִפּוֹל לְגַמְרֵי ח"ו, וְעִקַּר טָהֳרָתוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא כַּנַּ"ל, אֲבָל מִי הוּא טָהוֹר כְּשֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בְּמַדְרֵגַת הַטּוֹב בְּוַדַּאי נִפְגַּם עַל יְדֵי זֶה, כִּי יִפּוֹל לְגַדְלוּת ח"ו.

# "ה' הוּא הָאֱלֹקִים"

מיר האבן גערעדט פריער פון דעם ענין פון תפילה, אז שלימות התפילה הייסט אז אויף יעדער זאך בעט דער מענטש צום אויבערשטן, אט דאס הייסט א 'בית'. אין 'תפילה בבחינת בית' האבן אפילו גוים אויך א השגה דערין.

דער מענטש דארף זיך אזוי מרגיל זיין - זיך און די קינדער, אז אויף יעדער זאך בעט ער דעם אויבערשטן אזוי ווי א קינד פון א טאטן - דאס הייסט תפילה, דעמאלט איז דער מענטש נאנט צום אויבערשטן.

- און בכלל, אזוי ליגט ער נישט אין קיין טבע, ער ווייסט אז עס איז נאר דא השגחה, ער איז מלא שמחה און דאנקט דעם אויבערשטן אויף יעדער זאך, איז דער טאג טאקע א טאג. אויב אין יעדן טאג איז דא אסאך תפילות צום אויבערשטן, אסאך תודה והודאה צום אויבערשטן, איז דער טאג טאקע א טאג.

ווארום מיר זענען דאך אין א געוואלדיגע סכנה. מען זעהט, איצטער גייט שוין אויף צוריק, די נאכט הויבט שוין אָן ווערן קלענער און דער טאג גרעסער און עס וועט שוין אוועקגיין אזוי ביז זומער, ביז תמוז, דעמאלט הויבט ווייטער אָן גיין אויף צוריק, און אזוי ווערט מען אַן אלטער איד, הונדערט ווינטערס, הונדערט זומערס, עס איז עפעס אזוי ווי עס גייט שוין אזוי, דער טבע איז אזוי, ליגט מען דאך אין טבעיות[כד].

דער רבי רופט אָן[כה] טאקע די מערכת המזלות, "טבע". די אלע חכמים פון דער וועלט ליגן דאך אין די מערכת המזלות און דארטן ווערן זיי אפיקורסים. ווייל אז מען רייסט אפ די מערכת המזלות פונעם אויבערשטן קען מען ווערן דערפון א גרויסער אפיקורס, ווייל דאס איז א טבעיות - 'עפעס אזוי פירט זיך עס', מען זעהט נישט

---

[כד] עיין מאור ושמש לז' של פסח ד"ה "וישב הים לפנות בוקר" וכו': **ושמעתי מאדמו"ר הקדוש המנוח מו"ה אלימלך זצוק"ל** על פסוק (בראשית כז, ב) **הנה נא זקנתי לא ידעתי יום מותי**, כלומר מחמת שאני זקנתי והארכתי ימים בזה העולם על ידי זה לא ידעתי יום מותי, פירוש אינני זוכר את יום המיתה שמדומה לי בעיני שאחיה לעולם **וזה דרך הטבע שעולם כמנהגו נוהג**.

[כה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ר"נ, ועוד.

ארוים אז די השגחה זאל דארטן ליגן. אבער דער וואס איז עוסק אין תפילה, איז ביי אים נישט שייך קיין מערכת המזלות, ביי אים איז נישט שייך קיין טבע. למשל, דאס איז נישט קיין טבעיות אז איצטער ווערט דער טאג גרעסער און די נאכט קלענער, נאר אזוי פירט די השגחה למעלה.

"הטבע" איז בגימטריא "אלקים". מען האט כמה פעמים גערעדט טאקע, דער רבי רעדט אין דער תורה "אנכי"[כו], אז דער עיקר יניקה זייערע איז נאר פון דעם שם אלקים - די עבודה זרה ווערט אנגערופן נאר מיט דעם נאמען 'אלהים אחרים', קיין אנדער נאמען - נישט. און דאס באטרעפט "הטבע". ווייל די מלכות, די הנהגה פונעם אויבערשטן דא איז מלובש אין א דרך הטבע, דערפאר טאקע האבן די "אלהים אחרים" א יניקה דערפון[כז].

לעתיד וועט זיין אזא התגלות אלקות, "ונגלה כבוד ה'", אז עס איז וועט זיין אוים טבע, די השגחה וועט שיינען, עס וועט זיין נאר השגחה אליין. אבער איצטער איז די השגחה מלובש אין א דרך הטבע. דארף מען האבן גרוים רחמים אז מען זאל נישט ארייפאלן אין קיין טבעיות.

אז עס קומט טאקע א התגלות הרצון - דארטן יום כיפור נאך נעילה, שרייט מען: "ה' הוא האלוקים" "ה' הוא האלקים" - אז דער "אלקים" איז "ה'", דער "אלקים" איז נישט אפגעטיילט פונעם אויבערשטן, מאך נישט דעם אלקים פאר קיין באזונדערע זאך, דאס איז א געוואלדיגע התגלות אלקות אז מען שרייט אוים "ה' הוא אלקים".

---

[כו] ליקוטי מוהר"ן סי' ד', אות ב': כִּי עַכְשָׁו הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה לְהָעֲכּוּ"ם, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁלָּהֶם בְּשֵׁם אֱלֹהִים, כִּי יוֹנְקִים מִבְּחִינַת מַלְכוּת הַנִּקְרָא אֱלֹהִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ע"ד): "אֱלֹהִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם". וּכְשֶׁמַּעֲלִין בְּחִינַת מַלְכוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, אֲזַי נִתְקַיֵּם (שָׁם מ"ז): "כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים".

[כז] עיין בליקוטי הלכות הל' פסח ה"ד, אות י"ז, ועוד.

ביי אליהו דארטן מיט די נביאי הבעל שטייט[כח]: "וַיַּרְא כָּל הָעָם וַיִּפְּלוּ עַל פְּנֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ ה' הוּא הָאֱלֹקִים ה' הוּא הָאֱלֹקִים". וואס איז געווען ביי די נביאי הבעל? עס איז געווען אין די צייטן פון אחאב; אחאב האט געקענט אזוי פיל 'פנים של תורה', און ירבעם אזוי פיל 'פנים של תורה'[כט], זיי זענען געווען גרויסע חכמים, זיי זענען געווען קלאר אין מערכת המזלות, סוד העיבור, און רח"ל, דאס טבעיות האט זיי אוועקגעשלעפט פונעם אויבערשטן, איז געווארן אלהים אחרים, עבודה זרה.

דער רבי זאגט דאך אין תורה ל"ב (תניינא), ווען איין בלעטל זאל בלייבן פון זייערע ספרים וואלט מען בשום אופן נישט געקענט מקורב צום אויבערשטן! - אזעלכע סברות האבן זיי געהאט פון עבודה זרה רח"ל. און דער עיקר איז געווען, ווייל זיי האבן אפגעריסן דעם טבע פונעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער איז זיך אזוי מסתיר פניו, ער פירט איצטער דער וועלט מיט אזא מין טבעיות, אז מען קען מיינען חלילה אז עס איז עפעס א טבע, עפעס א באזונדערע זאך, אזוי איז 'דאס', אזוי דרייט זיך דאס (מערכת המזלות) וואס נאך עטליכע חדשים וועט זיך עס צוריק דרייען אלס א גרויסע נאכט - אזוי איז דאס. אט דער געדאנק אליין איז שוין א געדאנק פון טבעיות - א געדאנק פון טבעיות רייסט שוין אפ די השגחה פונעם אויבערשטן. א מענטש דארף נישט האבן קיין שום געדאנק פון טבע, כאטש עס איז מלובש אין דרך הטבע.

❖

## תפילה למעלה מטבע

דער 'עיקר כבודו יתברך' איז איצטער! ווייל בזמן הבית האט די השגחה מער געשיינט, דאס אלקות האט מער געשיינט, מען האט דאך ארויסגעזעהן 'עין בעין' אלקותו יתברך, אבער איצטער איז דער בית המקדש חרוב, און די העלמה און די

---

[כח] מלכים-א יח, לט.

[כט] עיין גמ' סנהדרין קג:

שכחה איז אלץ מערער, און דער דרך הטבע איז זיך מער מתגבר; וואס קען מען רעדן מיט א מענטש אז ער זעהט נישט פאר זיך קיין שום זאך?!

דער רבי רעדט דאך אין תורה ס"ב אז די שכינה הקדושה איז ממליץ אויף די רחוקים; וואס איז זי ממליץ? אז מען ווייסט דאך נאר פון דיר 'מגלוי על הסתום', און בגלוי זעהט מען נישט (די השגחה, נאר טבע) - זיי זעהען גארנישט, אבער אז דו ביסט מבטל דעם טבע, דו טוהסט ניסים, זעהט מען דאך ארויס דיין גרויסקייט (שהכל בהשגחה) - אזוי איז די שכינה ממליץ אויף אידן.

דער רבי איז אונז מודיע דער כח פון תפילה, דאס איז דער כח פון תפילה - תפילה מאכט א התקשרות צום אויבערשטן! אז איך בעט אויף יעדער זאך, איז דאך נישטא קיין טבע!

אויף יעדער זאך דארף איך בעטן דעם אויבערשטן. (למשל), אז איך האב וואס צו עסן, איז דאך א טבע - איך האב וואס צו עסן - איך וויים אז אויב איך וועל עסן גענוג ברויט וועל איך ווערן זאט. אבער אז איך בעט פריער דעם אויבערשטן, און ביים עסן נעמט מען א ספר, און מען בענטשט בכוונה, מאך איך דאך דאס עסן נישט פאר קיין דרך הטבע, נאר אז דער אויבערשטער גיט מיר דאס עסן, דעמאלט בין איך אפגעטיילט פון טבע.

א מענטש איז דאך ממש אין א סכנה, ער דרייט זיך ארום אין טבע, און דער אַויר איז טבע, און זעהן זעהט מען פאר זיך נאר טבע. (אבער אינ'אמת'ן) איז מלובש דארטן השגחתו יתברך. נאר דורך וואס ווערט דאס אויפגעדעקט? נאר דורך תפילה! תפילה איז מבטל דער טבע, תפילה איז למעלה מטבע.

❖

## ארויסגענומען 'חוץ לישוב'

דער רבי ברענגט טאקע אין דער מעשה פונעם בעל תפילה אין אנהויב, דער בעל תפילה האט געפירט זיינע מענטשן חוץ לישוב. אונזערע לייט פלעגן טייטשן: 'ישוב'

**איז 'טבע' - דאס איז דער ישוב. און 'תפילה' נעמט ארויס פון דעם ישוב; אז זיין זאך איז תפילה - פירט ער זיי 'חוץ לישוב', זיי זענען נישט אין דעם ישוב פון דער וועלט!**

**עס קען זיין - עס גייען צוויי מענטשן, דער עסט און דער עסט, דער איז אנגעטוהן און דער איז אנגעטוהן, אבער דער עסט און עס איז אלקותו יתברך, עס איז תפילה, און דער עסט און עס איז טבע - ביידע מענטשן.**

**דער בעל תפילה האט זיי ארויסגענומען פונעם ישוב, דאס איז דאך דער עיקר!**

**דער רבי האט א זאג געגעבן[ל]: וואס איז דער חילוק פון אַן איש כשר ביז נישט קיין איש כשר,** (ביידע האבן דאך די זעלבע -) **א גוף מיט קישקעס - וואס איז דער חילוק? נאר, אַן איש כשר, זאגט דער רבי, איז אַן ענין אחר לגמרי!**

**אַן איש כשר איז מיטן אויבערשטן, ער איז פול מיט השגחה, ער ליגט נישט אין קיין טבע, דאס איז אַן איש כשר. אבער א נישט קיין איש כשר איז מלובש אין דרך הטבע, וואו ער רירט זיך איז אלץ טבע.**

**ווי אזוי קען מען דאס דערקענען? נאר דער אויבערשטער אליין ווייסט דאס!**

❖

## 'דארטן' באפט מען נישט קיין פלאץ...

**עס איז דא א תורה[לא] וואס ווען מען קומט אהין קען מען נישט פארשטיין די תורה. דער רבי זאגט דארטן אז איינער קען זיצן לעבן אנדערן אין גן עדן און דער**

---

[ל] עיין שיחות הר"ן י"ד: "אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי), כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי אִישׁ כָּשֵׁר יָקָר מְאֹד אַשְׁרֵי לוֹ. וְהָעִקָּר הוּא הָרָצוֹן וְהַכִּסּוּפִין". עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא קט"ז.

[לא] ליקוטי מוהר"ן קצ"א: דַּע שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיֵּשֵׁב אֶחָד אֵצֶל חֲבֵרוֹ בְּמָקוֹם אֶחָד בְּגַן עֵדֶן, וְלָזֶה יִהְיוּ כָּל הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים וְכָל הַשַּׁ"י עוֹלָמוֹת, וַחֲבֵרוֹ לֹא יַרְגִּישׁ כְּלוּם וְלֹא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם תַּעֲנוּג ... וּמֵעַתָּה תָּבִין מֵעַצְמְךָ, שֶׁלָּזֶה אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַשַּׁ"י עוֹלָמוֹת בְּלִבּוֹ כִּי הַלֵּב יָכוֹל לִתְפֹּס בִּמְקוֹמוֹ עַד אֵין חֵקֶר וְאֵין מִסְפָּר כַּנַּ"ל, וְיִהְיֶה לוֹ כָּל הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים, וַחֲבֵרוֹ אַף עַל פִּי שֶׁיּוֹשֵׁב אֶצְלוֹ לֹא יַרְגִּישׁ

זאל דערפילן אלע ש"י עולמות - און דער נישט. תמיד פרעגט מען די קשיא דא, מילא דא אין דער וועלט קען זיין אז עס זיצט איינער לעבן דעם אנדערן און דער איז פול מיט השגחתו יתברך, מיט אמונה, און דער אנדערער ליגט אין טבע, און דער פילט אלע ש"י עולמות און דער נישט - און מען קען גארנישט דערקענען - דא קען דאס זיין, אבער למעלה - אויבן, מען וועט דאך נישט אוועקזעצן בכלל איינעם וואס איז אזוי נאנט צום אויבערשטן לעבן איינעם וואס ער איז ווייט!?

די גמרא זאגט דארטן[לב], ר' יוחנן איז געזעצן לעבן ר' ינאי'ן, און ר' חנינא לעבן ר' חייא'ן. פרעגט די גמרא די קשיא, ר' יוחנן קען נישט זיצן לעבן ר' חייא'ן? זעהט מען דאך, דארטן זעצט מען זיך נישט אוועק - דארטן כאפט מען נישט קיין פלאץ... 'דארטן' - וואו מען זעצט אוועק, דארטן זיצט מען. איז ווי זאגט דער רבי אז עס קען זיין עס זאל זיצן אין גן עדן איינער לעבן אנדערן און דער זאל פילן אלע ש"י עולמות און דער זאל נישט פילן?

מען פלעגט אמאל זאגן א תירוץ דארטן, עס איז פארהאן אמאל איינער וואס ער איז קונה עולם הבא אין איין שעה, "יש קונה עולמו בשעה אחת"[לג], עס קומט אים טאקע גן עדן, אבער מען קען דאך אים נישט געבן 'השגת אלקותו יתברך', ווייל צו האבן א השגה אינעם אויבערשטן מוז ער דאך האבן אויסגעהארעוועט בקדושה וטהרה אלע יארן די מוחין. ווערט טאקע געבראכט אז עס איז געווען אזעלכע וואס האבן געהאט גן עדן, זיי האבן 'קונה עולמו' געווען 'בשעה אחת', אבער זיי האבן גארנישט געפילט דארטן - (והצטערו:) 'פארוואס האט מען אונז אוועקגעזעצט דא?'

גיהנום קומט אים נישט, ער האט נישט קיין צער גיהנום, עס קומט אים גן עדן - איז ער טאקע אין גן עדן, אבער האבן 'השגת אלקותו יתברך' קען מען דיר אויך נישט געבן. (וטוען לבי"ד של מעלה:) 'איז צו וואס זיץ איך דא?' (משיבים לו:) 'די זאך קען

---

כְּלוּם כִּי לִבּוֹ חָסֵר מִכָּל זֶה, מִכָּל הַטּוֹבוֹת וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁיֵּשׁ לַחֲבֵרוֹ הַצַּדִּיק בְּתוֹךְ לִבּוֹ, אַשְׁרֵי לוֹ, כִּי עִקַּר הַרְגָּשַׁת תַּעֲנוּג וְשַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא וְכָל הַשַּׁ"י עוֹלָמוֹת הַכֹּל הוּא בַּלֵּב כַּנַּ"ל.

[לב] בבא מציעא פה:

[לג] גמ' ע"ז יז.

מען דיר געבן - ווער נאכאמאל מגולגל'. (טוען שוב:) 'איך האב דאך מורא אז איך וועל זינדיגן'. (משיבים לו:) 'דאס זאגט מען דיר צו אז דו וועסט נישט זינדיגן!' - דיין זאך פועל'ט אז דו וועסט שוין מער נישט זינדיגן, אבער דו דארפסט אויסארבעטן צו פילן די ש"י עולמות דארטן! - אזוי רעדט מען א תירוץ[לד].

❖

## געפאלן חלשות

ר' נתן בייטלמאכער האט מיר דערציילט, אז זיין טאטע (ר' פנחס יהושע, מגדולי תלמידי מוהרנ"ת) האט אים דערציילט די מעשה. זיין טאטע איז געווען אין דער צייט פון דעם ערשטן ניקאָליי, ער איז געווען א פרומער (- גלויביגער), נאר א געוואלדיגער שונא ישראל. האט זיך ביי אים פארוואלגערט די כתבים פון די נאָטן פון די לויים וואס האבן געשפילט אין בית המקדש. האט מען גענומען דארטן די שפילערס, האבן זיי געזאגט, אז דאס איז אזא שפילעריי וואס דאס קען נאר אויסשפילן א איד וואס האט א געפיל אין דער זאך, דאס איז א געוואלדיגע שפיל - מיר קענען איר נישט אויסשפילן.

נו, האט מען גענומען איינעם א שפילער - דעם בעסטן שפילער פון די אידן, ער איז געווען גאר א פרייער, ער זאל איר אויסשפילן. האט ער איר אויסגעשפילט. זענען מענטשן געפאלן חלשות...

דער ניקאליי האט געהאט א טאכטער, איז זי געפאלן חלשות, האט זי געזאגט: 'אויב זי וועט נישט חתונה האבן מיט דעם שפילער וועט זי נישט אויסהאלטן!' - זי וועט גיין פון דער וועלט... - אזא מין סארט משיכה איז געווען אין דער שפיל.

(איז געווארן א טומל:) 'ניקאליי דער שונא פון אידן - ער וועט נעמען א איד?!' האבן די גלחים אנגעהויבן צו רעדן מיט איר - 'וואס רעדסטו?!'. (אבל היא באחת:) 'עס וועט גארנישט העלפן, אויב נישט מיט דעם שפילער גייט זי פון דער וועלט'.

---

[לד] [עיין זוהר רעיא מהימנא פר' נשא קכג.]

זיי האבן געהאלטן אז דער שפילער וועט אוודאי באשטיין, ער וועט דאך ווערן דעם קייסער'ס אַן איידעם, און ער וועט דאך אפנעמען דער מלוכה וויבאלד ער האט קיין זון נישט געהאט - וואס דארף ער האבן בעסערס?!

האבן זיי אנגעהויבן צו רעדן מיט אים, (וענה:) 'יא, ער באשטייט'.

שוין, דארף מען אים שמד'ן. אין פעטערבורג איז דארטן דא אינמיטן דער שטאט א גרויסער בריק איבער דעם ים, דארף מען גיין אויף דעם בריק, און דארטן איז געווען דער גרויסער קלויסטער, זענען געגאנגען דארטן די אלע גלחים שמד'ן דעם אידן.

אזוי ווי מען איז געגאנגען מיט אים - ער האט זיך שוין גוט צוגעגרייט, האט ער געגעבן א שפרונג אריין אין ים אריין און דערטרונקען געווארן...

ער האט באלד נישט געוואלט (השידוך והשמד), נאר ער האט געזעהן אז ער קען זיך נישט ארויסדרייען, איז ער אריין און דערטרונקען געווארן.

זיי האבן אלע פארשטאנען אז דאס איז דערפאר ווייל ער האט זיך נישט געוואלט שמד'ן!

האט מיר ר' נתן דערציילט, למעלה איז געווארן אזא מין סארט רעש - אזא מין קידוש השם וואס ער האט געמאכט איז שוין הונדערטער יארן נישט געווען! ער איז דאך נישט קיין פרומער געווען, אבער דאס האט ער נישט געוואלט - ער האט זיך נישט געוואלט שמד'ן. פאר אים שטייט דאך אזא מין רייכקייט, אזא מין גוטס - ווערן דעם קייסער ניקאליי'ס אַן איידעם, און ווערן דער קייסער - א געוואלד, אזא קידוש השם[לה].

---

[לה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ': "מְסִירַת נֶפֶשׁ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, בְּוַדַּאי מְרֻצֶּה כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים כַּנַּ"ל (וּכְמוֹ שֶׁכְּבָר רָאִינוּ בְּחוּשׁ בַּדּוֹרוֹת שֶׁלְּפָנֵינוּ שֶׁכַּמָּה אֲנָשִׁים קַלִּים וּפְחוּתִים מָסְרוּ נַפְשָׁם וּמֵתוּ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם אַשְׁרֵי לָהֶם)". גם עיין ליקוטי אמרים תניא פרק י"ח: "ולכן אפי' קל שבקלים ופושעי ישראל מוסרים נפשם על קדושת ה' על הרוב וסובלים עינוים קשים שלא לכפור בה' אחד ואף אם הם בורים

**וואס קומט אים דארטן? גן עדן - וועט ער האבן גן עדן, אבער מען קען אים דאך נישט געבן השגות אלקות.**

**צדיקים האבן דעמאלט געזאגט אז אזא קידוש השם איז שוין נישט געווען הונדערטער יארן! נישט קיין פרומער - און אזא קידוש השם צו מאכן! זיי האבן געזאגט אז יארן-יארן איז אזא קידוש השם נישט געווען למעלה אזוי ווי ער האט מקדש השם געווען!**

(ר' נחמן: לכאורה איז עס נישט געווען אין די צייטן פון רבי'ן - עס איז שוין געווען שפעטער!) **יא, עס איז געווען שפעטער, ער איז געווארן קייסער תקפ"ז; ר' פנחס יהושע איז געווען אין דער צייט מסתמא.**

❖

ועמי הארץ ואין יודעים גדולת ה'. וגם במעט שיודעים אין מתבוננ' כלל ואין מוסרי' נפשם מחמת דעת והתבוננות בה' כלל. אלא בלי שום דעת והתבוננות רק כאלו הוא דבר שאי אפשר כלל לכפור בה' אחד בלי שום טעם וטענה ומענה כלל". גם עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אותיות א-ב: "וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁאָנוּ רוֹאִים כַּמָּה אֲנָשִׁים שֶׁהֵם רְשָׁעִים גְּדוֹלִים כַּמָּה שָׁנִים וְעוֹבְרִים עֲבֵרוֹת גְּדוֹלוֹת וַחֲמוּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְאַחַר כָּךְ נִתְעוֹרְרִים בִּתְשׁוּבָה וְנַעֲשִׂים בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה גְּמוּרִים, כַּמּוּבָא כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת כָּאֵלֶּה בִּגְמָרָא וּמִדְרָשִׁים וּשְׁאָרֵי סְפָרִים. וּכְמַעֲשֶׂה דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן דּוֹרְדַיָּא וְנָתָן צוּצִיתָא וְכַיּוֹצֵא בְּאֵלֶּה מַעֲשִׂיּוֹת הַרְבֵּה מְאֹד בְּכָל דּוֹר וָדוֹר ... וְעַל כֵּן לִפְעָמִים הַסִּטְרָא אָחֳרָא בּוֹלַעַת אֶת הָאָדָם כָּל כָּךְ עַד שֶׁהוּא מַגִּיעַ לְעֶצֶם פְּנִימִיּוּת קְדֻשַּׁת יַהֲדוּתוֹ וְהִיא מִתְחַזֶּקֶת וּמִתְגַּבֶּרֶת לִבְלֹעַ נְקֻדָּה זֹאת גַּם כֵּן וּמְבִיאָהּ אוֹתוֹ לִידֵי עֲבֵרָה גְּדוֹלָה חַס וְשָׁלוֹם, כְּדֵי לִבְלֹעַ אוֹתוֹ לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם, אֲבָל תֵּכֶף כְּשֶׁהִיא רוֹצָה לִבְלֹעַ אֶת עֶצֶם פְּנִימִיּוּת קְדֻשָּׁתוֹ אֲזַי זֹאת הַנְּקֻדָּה עוֹמֶדֶת לְהַסִּטְרָא אָחֳרָא בְּבֵית הַבְּלִיעָה שֶׁלָּהּ, כִּי זֹאת הַנְּקֻדָּה שֶׁל פְּנִימִיּוּת קְדֻשָּׁתוֹ הִיא בַּעַל כֹּחַ גָּדוֹל מְאֹד וְכַנַּ"ל וְאִי אֶפְשָׁר לְהַסִּטְרָא אָחֳרָא לִבְלֹעַ אוֹתָהּ בְּשׁוּם אֹפֶן. וְלֹא דַּי שֶׁאֵינָהּ יְכוֹלָה לִבְלֹעַ אוֹתָהּ אַף גַּם זֹאת הַנְּקֻדָּה טוֹבָה עוֹמֶדֶת לְהַסִּטְרָא אָחֳרָא בְּבֵית הַבְּלִיעָה שֶׁלָּהּ עַד שֶׁהִיא מֻכְרַחַת לִתֵּן הֲקָאוֹת לְהָקִיא וּלְהוֹצִיא כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת שֶׁבָּלְעָה מִזֹּאת הַנְּשָׁמָה. וּמִזֶּה בָּא בְּחִינַת מַה שֶּׁלִּפְעָמִים הָאָדָם נִתְעוֹרֵר בִּתְשׁוּבָה אַחַר כַּמָּה עֲבֵרוֹת". גם עיין בליקוטי הלכות הל' עבודת אלילים ה"ב, אות ח': "כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִין בַּחוּשׁ שֶׁלִּפְעָמִים הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים יִמְסֹר נַפְשׁוֹ עַל קִדּוּשׁ ה' יוֹתֵר מִגָּדוֹל שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל!".

# "כמוני ממש"

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן נישט ארויסקוקן אויף אזעלכע זאכן... דער זוהר הקדוש ברענגט כמה מאל[לו]: "וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים"[לז], אז דורך די טעג איז ער צוגעקומען צו די מדריגות. מיר דארפן נישט ארויסקוקן אז עס זאל חלילה זיין א זאך וואס זאל אונז דארפן צוברענגען צו - - נאר מען זאל גיין דורך די טעג, מען היט אפ די טעג, מען היט אפ די נעכט, און ווער שמועסט - מיטן רבי'נס זאך, און מען איז מרבה בתפילה, מען היט די צייט, מען רייסט זיך צו אידישקייט - מיט דער צייט ווערט מען נענטער צום אויבערשטן.

אוודאי, דורכן רבי'ן קען מען זוכה זיין מען זאל זיין אַן איש כשר, דער רבי האט דאך געזאגט[לח]: "כָּמוֹנִי מַמָּשׁ!". נאר וואס דען, נישט זיין קיין שלימזל'ניק. אזוי ווי דער אדלער האט געזאגט[לט]: "הערט אויף זיין ארעמעלייט, הויבט אָן ניצן מיט אייערע אוצרות!" ברוך השם מיר האבן אוצרות! אוצרות!

דער אוצר אליין פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים און אים דערציילן 'כל לבו' - דאס איז דאך אזא מין אוצר, דאס איז דאך אזא מין אוצר - א געוואלד, דאס איז דאך אזא מין נחת רוח למעלה.

מיט דער צייט, אז ער איז טאקע אַן עקשן אין דער זאך, איז ער טאקע נאנט צום אויבערשטן, איז ער טאקע אויסגעטוהן פון טבע, ער ליגט טאקע אין השגחה. און דאס קען מען זוכה זיין נאר דא אין דער וועלט. עס קען ממש מקויים ווערן ביי אים אז ער זאל האבן ממשלה איבער מלאכים - מלאכים וועלן אים דארפן פרעגן

---

[לו] עיין חיי שרה קכט., ועוד.

[לז] בראשית כד, א.

[לח] חיי מוהר"ן ר"ל: "וְאָמַר אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת אִישׁ כָּשֵׁר שֶׁקּוֹרִין "גִּיטֶר יוּד" כָּמוֹנִי מַמָּשׁ".

[לט] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות - ביום הראשון.

שפעטער, 'וואס טוהט דער אויבערשטער' - "מַה פָּעַל אֵ-ל?"[מ]; פארוואס? ווייל ער דרייט זיך ארום דא אין דער וועלט.

די וועלט איז נאר טבע, וואו מען גיט נאר א קוק איז דא געוואלדיגע פארשטעלאכצער, הסתרות, רח"ל, אַוואו מען גיט א קוק דארף מען האבן שמירת עינים, וואו מען גיט א קוק דארף מען היטן דעם דיבור, וואו מען גיט א קוק דארף מען היטן דעם געדאנק, וואו מען גיט זיך א ריר איז אליך דא נסיונות מיט נסיונות. אבער אז מען גייט טאקע צו צום רבי'נס זאך, קען ער טאקע מיטן כח פונעם רבי'ן היטן אלע איברים, קען ער טאקע היטן דעם געדאנק, ווערט ער טאקע אַן איש כשר, איז טאקע 'אשרי לו', 'אשרי לו'!

❖

## יא, דו קענסט אויך זיין א 'נכנס ויצא בשלום'

דער רבי האט געזאגט: "איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים!" - עס איז דאך א דיבור - דער דיבור איז דאך א געוואלדיגער דיבור - יעדעס דיבור פונעם רבי'ן איז דאך 'אמת ויציב ונכון וקיים'.

'איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים!

דער רבי האט א זאג געגעבן אויף ר' שמואל טעפליקער: "ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!". רבי נתן האט זיך אזוי געטראכט (- עמד משתומם. נענה רבינו שכוונתו) - 'אין זיין מדריגה'.

ר' שמואל איז דאך מיטגעפארן מיטן רבי'ן אויף דער נסיעה קיין נאווריטש און נאכדעם לעמבערג[מא]. ער פלעגט זאגן: "איך האב אזעלכע דיבורים פונעם רבי'ן וואס רבי נתן ווייסט אויך נישט!".

---

[מ] עיין כל זה בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות א'.

[מא] עיין חיי מוהר"ן מאות קנ"א והלאה.

געווענטליך (- פארשטייט זיך), איז ער געווען א גדול, דער רבי האט דאך אים מיטגענומען מיט זיך און געפארן מיט אים, אבער ער איז פארט געווען א בעל-בתי'שער מענטש, א גרויסער עושר געווען, און ביים רבי'ן איז דאך געווען עובדים, עס איז געווען ר' שמואל אייזיק, דעם רבי'נס תלמידים - דאס זענען געווען אנדערע סארט מענטשן, און דא זאגט דער רבי אויף אים - "א 'נכנס ויצא בשלום'"?! עס איז געווען 'בן עזאי ובן זומא', און עס איז דא איין רבי עקיבא א 'נכנס ויצא בשלום'!? (- על כל זה התפלא מוהרנ"ת. ענה לו רבינו:) "איך מיין אין זיין ערך, אין זיין מדריגה!".

האט דער רבי אויסגעפירט מיט בעלי בתים אזוי ווי ער פירט אוים מיט די חסידים. דער 'נכנס ויצא בשלום' פון ר' שמואל טעפליקער איז טאקע נישט געווען גליך פון ר' שמואל אייזיק'ן - מען דארף אזוי טייטשן, אבער וויפיל ער איז 'נכנס' אזוי איז ער 'יצא' (לפי ערכו).

ער גייט אריין און ארוים פון דעם פרדס לויט וויפיל ער איז אריינגעגאנגען און ארויסגעגאנגען. געווענטליך אז יענער גייט אריין מערער און טיפער, איז ער דאך מער 'נכנס', איז דער 'יצא' אויך לענגער.

קומט אויס, ביים רבי'ן איז דא אזעלכע כוחות אז יעדער איינער קען זיך אוועקשטעלן צו מאכן גוט, און צו זיין א בחינה פון א 'נכנס ויצא בשלום'. נאר וואס דען? האלט זיך אין די ספרים, האלט זיך אין די עצות, האב גוטע חברים, נישט פארברענגען די צייט.

אין דיין ערך קענסטו זיין א 'נכנס ויצא בשלום'.

איך האב געהערט כמה מעשיות (על ר' שמואל מטעפליק), פיר יאר האב איך געוואוינט אין טעפליק, דארטן זענען געווען זיינע אייניקלעך - ר' נחמן'ס קינדער. ר' שמואל האט דאך געהאט א זון ר' נחמן. (ר' נחמן: ער האט זיך משדך געווען מיט ר' דוד צבי'ן?) יא יא[מב].

[מב] שֵׁם מִשְׁפַּחְתּוֹ שֶׁל רַבִּי שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער הָיְתָה שְׁפִּילְבַּאנְד. לְרַבִּי שְׁמוּאֵל הָיָה בֵּן בְּשֵׁם רַבִּי נַחְמָן

איך האב געקענט ר' נחמן'ס זון - ר' שמואל'ס איניקל, האב איך געהערט דערציילן אויף אים (ר' שמואל טעפליקער) גדלות'ן, אבער מער אויף א בעל בתיש'ן אופן.

❖

## ארײַן אין איין 'יחוד'

"שְׂמַח זְבוּלֻן בְּצֵאתֶךָ וְיִשָּׂשכָר בְּאֹהָלֶיךָ"[מג]. אים רופט מען 'בצאתך', כאטש ער איז דאך (הוא גם כן עובד את השם כמדריגתו), אבער פארט איז ער 'בצאתך' - ער איז פארט אינדרויסן[מד]. 'יששכר באוהלך' - דו פריי זיך אין אוהל.

די אהבה וואס איז דא צווישן דעם זבולון און דעם יששכר איז אויך א געוואלדיגע עבודה. דער שטייגער איז, דער יששכר בלאזט דאך אביסל מערער ווי דער זבולון, 'איך בין דאך א יששכר', איך בין דאך אין אוהל. דער זבולון ווייטער - 'איך בין דאך דער גביר', איך בין דאך דער נותן, דער משפיע. אז זבולון מיט יששכר זענען אזוי באהבה איינער צום אנדערן אז זבולון ווייסט ממש אז אָן יששכר איז ער גארנישט, און יששכר ווייטער ווייסט אז זבולון איז דאך אים תומך, האט ער דאך כוחות צו זיצן און לערנען, צו זיצן און טוהן אין אידישקייט, דאס איז אויך א געוואלדיגע עבודה.

---

וְלוֹ בֵּן בְּשֵׁם רַבִּי נָתָן שֶׁהָיָה חָתְנוֹ שֶׁל רַבִּי דָּוִד צְבִי בֶּן רַבִּי יִצְחָק בֶּן מוֹהַרְנַ"תְ. הוּא הָיָה דָּר בְּטֶעפְּלִיק וְהִתְפַּרְנֵס מֵעֲבוֹדַת הַמְּלַמְּדוּת, וְהָיָה חוֹתְנוֹ שֶׁל רַבִּי יוֹחָנָן (גלנט, בזיוו"ר), וְנִפְטַר בִּשְׁנַת תר"פ בִּהְיוֹתוֹ זָקֵן. (שיח שרפי קודש ח"ג, רנ"ח).

[מג] דברים לג, יח.

[מד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ר"פ: "שְׂמַח זְבוּלוּן בְּצֵאתֶךָ" וְכוּ'. כִּי מַשָּׂא וּמַתָּן נִקְרָא בְּחִינַת צֵאתְךָ. כִּי אַף עַל פִּי שֶׁזְּבוּלוּן וְיִשָּׂשׂכָר שָׁוִים, מֵחֲמַת שֶׁזְּבוּלוּן הָיָה מַסְפִּיק לְיִשָּׂשׂכָר, וְנֶאֱמַר עָלָיו 'שְׂמַח זְבוּלוּן', עַל כָּל זֶה נִקְרָא צֵאתְךָ, 'וְיִשָּׂשׂכָר אֹהָלֶיךָ', כִּי אַף עַל פִּי כֵן, עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה הִיא פְּנִימִיּוּת יוֹתֵר, וְהִיא לְמַעְלָה מֵעֲבוֹדַת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן, אַף עַל פִּי שֶׁגַּם הַמַּשָּׂא וּמַתָּן הִיא עֲבוֹדָה גְּדוֹלָה. כִּי הוּא מַסְפִּיק אֶת הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְנֶאֱמַר עָלָיו 'שְׂמַח זְבוּלוּן', עַל כָּל זֶה נִקְרָא צֵאתְךָ, נֶגֶד עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה שֶׁהִיא בְּחִינַת 'יִשָּׂשׂכָר בְּאֹהָלֶיךָ' כִּי אַף עַל פִּי כֵן עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה לְמַעְלָה יוֹתֵר.

עס איז טאקע געווען - אפילו אין מיינע צייטן, די אהבה פון אונזערע לייט איז געווען געוואלדיג גרויס. אז עס איז געקומען א ראש השנה האט מען גארנישט דערקענט, ממש מען האט נישט דערקענט דאס גרויסקייט. איך האב דאך געזעהן, צדיקים נוראים, ר' מיכל'ע (בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת), מיט אזעלכע מענטשן, געוואלדיגע מענטשן - ראש השנה האט מען גארנישט דערקענט, עס איז געווען איין יחוד! יעדער איינער איז געווען ביי 'זיך'! די עובדים אזוי שטיל, בבחינת 'אַין', מען האט נישט געוואוסט קיין שום חילוק פון דעם ביז דעם, זיי גייען אלע אריין אין איין יחוד אריין.

דער צדיק נעמט דאך צונויף די אלע (נפשות הנקבצים אליו), "אָרִיתִי מוֹרִי עִם בְּשָׂמִי"[מה], ער נעמט זיי אלע צונויף, א יחוד ווערט אויבן, עס איז גארנישט קיין חילוק[מו].

נאך ראש השנה האט מען שוין דערקענט, מען האט שוין געזעהן - 'דער' איז א צדיק, 'דער' איז א בעל הבית, 'דער' שרייט. ראש השנה אליין - בכח פונעם רבי'ן - פון דעם רבי'נס ראש השנה, איז למעלה ווערט אזא מין סארט יחוד אז מען דערקענט גארנישט מחמת גרויס אהבה. דאס איז טאקע דאס גרויסקייט פונעם כח פונעם אמת'ן צדיק, אז ער נעמט צונויף די אלע מענטשן און עס ווערט איינס.

דער רבי טייטשט איין דארטן צום סוף[מז]: "פּוּק חֲזִי גְּבוּרְתָּא דְּמָרָךְ". אינ'אמת'ן וואלט דאך געדארפט זיין אז אפילו ער איז אינגאנצן אין דער קדושה און נאר איין

---

[מה] שיר השירים ה, א.

[מו] עיין כל זה בליקוטי מוהר"ן סי' י"ג.

[מז] בליקוטי מוהר"ן סי' י"ג, אות ה', וזל"ש: וְרָמְיָא גַּלָּא קָלָא לַחֲבֶרְתָּהּ: חֲבֶרְתִּי, מִי שַׁבְקִית מִידֵי בְּעָלְמָא דְּלָא שְׁטַפִּיתֵהּ, וְנֵיתֵי אֲנָא וְנַחַרְבֵהּ?. הַיְנוּ, כְּשֶׁאַחַר כָּךְ, כְּשֶׁכָּל אֵלּוּ הַנְּפָשׁוֹת חוֹזְרִים מֵעִבּוּר הַנַּ"ל, וְעַל יְדֵי הַכְּלָלִיּוּת נִתּוֹסֵף בָּהֶם אַהֲבָה זֶה לָזֶה, וְאָז מְעוֹרְרִין אֵלּוּ לְאֵלּוּ וְאוֹמְרִים זֶה לָזֶה וּמַזְכִּירִין זֶה אֶת זֶה: אָחִי, שֶׁמָּא שָׁבַקְתָּ אֵיזֶה מִדָּה בָּעוֹלָם הַזֶּה, שֶׁעֲדַיִן הִיא מוֹשֶׁלֶת עָלֶיךָ וְאֵין אַתָּה יָכוֹל לְהִתְגַּבֵּר עָלֶיהָ, וְנֵיתֵי אֲנָא וְנַחַרְבֵהּ הַיְנוּ אֲסַיֵּעַ לְךָ לְכַלּוֹת אֶת הַמִּדָּה הַזֹּאת מִמְּךָ. וְהֵשִׁיב לוֹ: **פּוּק חֲזִי גְּבוּרְתָּא דְּמָרָךְ**, שֶׁהוּא הֶחָכָם הַנַּ"ל; **רְאֵה כַּמָּה כֹּחוֹ גָּדוֹל**, דַּאֲפִלּוּ כִּמְלֹא חוּטָא דְּחָלָא לֵית דְּעָבַר. פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: אֲפִלּוּ כִּמְלֹא רֹחַב הַחוּט לֹא יָכֹלְתִּי לָצֵאת חוּץ מִן הַחוֹל; פֵּרוּשׁ: אַתְּ שׁוֹאֶלֶת אוֹתִי, שֶׁמָּא

'חוטא דחלא' פעלט נאך, וואלט ער נישט באדארפט צו קענען אריינגיין אין 'עיבור', פונדעסטוועגן "פוק חזי גבורתא דמרך", אז אפילו ער איז נאך נישט ארויס 'כמלא חוט' פונעם 'חול' (- מגשמיותו), איז ער אויך אריין אין 'עיבור'.

אט דאס איז דער כח פונעם 'עיבור' פונעם צדיק; אז מען קומט צום צדיק מיט אהבה, האט דאס אזא מין כח אז דער וואס האט זיך נאך נישט אפילו א ריר געגעבן, קען ער אזוי נתחדש ווערן און ער גייט אריין אין בחינת 'עיבור' אין דעם יחוד למעלה.

דער כח פונעם רבי'ן איז געוואלדיג גרויס - א בעל כח גדול, א בעל כח גדול! מען קען זיך נישט אויסמאלן דעם צדיק'ס גרויסקייט. נאר וואס דען, מען זאל אננעמען די זאך פונעם רבי'ן מיט א תמימות און מיט אַן אמת, אָן וועלן פארדרייען, אָן וועלן מאכן פשט'ליך, אָן וועלן צופוצן די זאך, ווייל דעמאלט האט עס שוין נישט דעם חן, און אז עס האט שוין נישט דעם חן, פועל'ט עס שוין אויך נישט אזוי פיל, עס טוהט נישט די פעולה וואס עס דארף. דארף מען אויך בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל נעמען דעם רבי'נס זאך מיט אַן אמת אזוי ווי עס איז! "כי הוא זה"!

❖

## "וְהָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ"

אין די מכתבים איז דא[מח]: 'אט דא איז דער "פלטין של אמת", דא קען מען זוכה זיין צו זיין אַן 'איש אמת'!' אַן איש אמת איז ביים אויבערשטן זייער חשוב, דער עיקר

---

**שֶׁבַקְתִּי מִדָּה בָּעוֹלָם שֶׁעֲדַיִן לֹא תִקַּנְתִּי אוֹתָהּ? תֵּדַע חֲבֵרְתִּי, שֶׁעֲדַיִן אֲנִי מְשֻׁקָּע בְּכָל הַתַּאֲווֹת, וַעֲדַיִן לֹא יָצָאתִי מִן הַחוֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כִּמְלֹא חוּט, וּבְוַדַּאי מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה כָּזֹאת, בְּוַדַּאי לֵית דְּעָבַר הַיְנוּ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָבוֹא לִבְחִינוֹת עִבּוּר הַנַּ"ל; וְאַף עַל פִּי כֵן, פּוּק חֲזִי גְּבוּרְתָּא דְּמָרָךְ הַיְנוּ כֹּחַ הֶחָכָם, שֶׁכָּל כָּךְ כֹּחוֹ חָזָק, שֶׁאֲפִלּוּ נֶפֶשׁ שֶׁלִּי הֶעֱלָה בְּעִבּוּר.**

[מח] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ער"ש ויגש תקפ"ו: מַה אֹמַר לְךָ אָחִי. מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי. יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת. אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תְּחַפְּשֶׂנָּה. תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת **בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת** הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת. עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי **עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת**, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם".

חותם פונעם אויבערשטן איז 'אמת'. דער עיקר, זאגט דער רבי דארט אין א תורה[מט], 'אויבן גלוסט מען נאר צום אמת'!; דאס חשיבות פון יעדער זאך - אז איך טוה א מצוה, איך טוה תפילה, תורה, וואס עס ליגט דערינען מער אמת, איז עס למעלה זייער חשוב, דאס וויל מען למעלה, און מען קען זוכה זיין דורכן רבי'ן מען זאל זיין אַן איש אמת, כאטש אינדרויסן טוהט זיך וואס טוהט זיך.

אויך בחיי רבינו, אינדרויסן האט געברענט א פייער, און (דערוויל), רבי נתן איז מקורב געווארן, רבי נפתלי, און ר' יצחק אייזיק פון טירהאוויצע איז מקורב געווארן, דער טירהאוויצער מגיד'ס איידעם - ער איז מקורב געווארן אין די צייטן פון זלאטיפאליע[נ]. דא האט א התנגדות געברענט, און אינעווייניג האט געקאכט דער פארבריק מיט דאס פייער מיט אלעס. דער תירוץ איז, דער אמת איז 'עֵד לעצמו' - א לשון הגמרא, דער 'אמת' איז 'עֵד לעצמו'[נא].

דער וואס איז אַן 'איש אמת' זוכט גארנישט וואס אנדערע וועלן זאגן (אויף אים). דער וואס ער וויל אז 'יענער' זאל זאגן, דאס איז שוין נישט קיין אמת. כאטש דער מענטש דארף דאך זיין - אזוי ווי עס איז דא דאס לשון[נב]: "וִהְיִיתֶם נְקִיִּם מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל", אבער דאס איז שוין פשט אז 'איך דארף נישט טוהן קיין זאכן אז עס זאל זיין אויף מיר קשה קשיות' - דאס איז שוין א באזונדער שמועס. אבער דער אמת איז 'עד לעצמו', איז דארף יוצא זיין פארן אויבערשטן אליין; וואס גיט מיר דאס וואס יענער וועט מיינען אויף מיר?!

א מענטש זאל זיך גוט איינ'חזר'ן אין קאפ אריין, 'וואס גיט דאס מיר מער אז יענער וועט זיך אויסמאלן אז איך בין - - וואס וועט עס מיר געבן?!' אדרבה, דאס

---

[מט] ליקוטי מוהר"ן סי' ט'.

[נ] עיין חיי מוהר"ן קי"ד-קט"ו.

[נא] עיין בעלים לתרופה במכתב מיום ב' חיי שרה תקצ"ה: כִּי מַעֲשֶׂה כָּזֹאת לֹא הָיָה עֲדַיִן, שֶׁאֱמֶת נִגְלֶה כָּזֶה עִם הִתְגַּלּוּת חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה כָּאֵלֶּה יִהְיוּ נֶעְלָמִים וּמְבֻזִּים וּמֻשְׁלָכִים אַרְצָה כָּל כָּךְ, **אֲבָל זֶהוּ בְּעַצְמוֹ הַתֵּרוּץ** מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֱמֶת כָּזֶה וְחִדּוּשֵׁי חִדּוּשִׁים כָּאֵלֶּה עַל כֵּן מְבֻזִּים וּמַסְתִּירִים כָּל כָּךְ, אֲבָל דְּבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם, **וְהָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ**.

[נב] במדבר לב, כב.

איז א געוואלדיגער בזיון לעילא אז א מענטש האט אזעלכע איינרעדענישן. דער אמת אליין איז עדות אויף זיך, ער דארף נישט האבן קיין אנדערע עדות.

אפילו איך זאל האבן טויזנט מענטשן וואס זאלן האלטן פון מיר - טויזנט מענטשן זענען עדות, אבער אויב דער אמת איז נישט קיין 'עד', וואס זענען די טויזנט מענטשן? וואס גיבן זיי מיר?! אבער וויבאלד איך בין אַן 'איש אמת', איז דער אמת אליין אַן 'עד', איך דארף נישט האבן קיין פרעמדע עדות.

דאס איז פשט[נג]: "חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת"; א 'חתימה' איז דער פשט - א שטר אָן קיין חתימה האט נישט קיין שום חשיבות, דער עיקר איז דאך די חתימה - ווער חתמ'עט דעם שטר? אז איך וועל אנשרייבן אז דו ביסט מיר שולדיג א מיליאן דאלער - האסטו געשריבן, אבער ווער חתמ'עט?!

די חתימה דאס איז אמת! דער 'חותם של הקב"ה' איז 'אמת'.

בכח פונעם אמת'ן צדיק - וואס איך טוה עפעס א מצוה אדער א זאך, זאל דאס זיין מיט אַן אמת.

❖

## קיינער איז נישטא!

דער רבי זאגט[נד]: "'והמשכיל המבין' וואס דאס הייסט 'אמת', זאל בעטן אלע יארן ער זאל כאטש רעדן איין דיבור אמת פארן אויבערשטן!".

נאר וואס דען, מען קען זיך טאקע נישט אויסמאלן אז מען זאל קומען צו דעם אמת (בשלימות), אבער מען דארף זיך כאטש ציען צום אמת - 'וואו איז אבער פאָרט

---

[נג] שבת נה.

[נד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ב, בא"ד: **וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין** יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו, שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו, לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה' כָּרָאוּי.

דער אמת?!'[נה] רבונו של עולם, ווען מען נאַר איך אפ?! ווען מען נאַר איך אפ, ווען מען נאַר איך אפ?!

דארף מען זיך גוט איינ'חזר'ן, ברוך השם, דורכן כח פונעם רבי'ן קען מען זוכה זיין צו א נקודה של אמת, און דאס איז אינגאנצן (התכלית)! דאס איז דאס אינגאנצן!

ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן, האט מען געזאגט שבחים-שבחים ביי דער לויה - דער אזוי, דער אזוי. ר' מאיר לייב בלעכער (מגדולי תלמידי מוהרנ"ת) האט געזאגט: **"אט דאס איז געווען אַן אמת'ער איד! אט אזוי דארף זיין א איד!"**.

- אט דאס האט ער געזאגט אלס שבח אויף רבי נתן'ען - 'אט אזוי דארף זיין א איד! אט דאס איז געווען אַן אמת'ער איד!' דאס איז דער גרעסטער שבח - 'אַן אמת'ער איד!'.

דער מענטש דארף ביי זיך זעהן כסדר - 'קיינער איז נישטא'[נו], נאר ווילן זיין מיטן אויבערשטן, נאר ווילן אז דער אויבערשטער זאל האבן פון מיר א נחת רוח. דער אויבערשטער איז דאך א 'בוחן לבות וכליות', ווי קומט דאס איך זאל האבן געדאנקען פון אנדערע, פאר ווען האב איך די געדאנקען? ער איז דאך א 'בוחן לבות וכליות'.

מען דארף זיך אסאך גוט אריינקלאפן אינעם גוף אריין אז דאס איז גארנישט, ער זאל מושרש ווערן אין אמת, און מען דארף האבן תפילה.

עס איז אוודאי א גרויסער בזיון אז דער מענטש האט איינרעדעניש (אז ער איז עפעס), און ווער שמועסט נאך אז אנדערע מאכן אים איינרעדעניש, אבער אז ער קומט אהינצו דארטן – מען לאכט אים אויס, מען לאכט אים אויס אינגאנצן, דאס האסטו געבראכט אהערצו? דא איז דאך דער 'עלמא דקשוט', דאס איז דאך אלץ שקר מיט מעשה'ס, וואס איז דאס? א געוואלדיגע בושה, א געוואלדיגער בזיון.

---

[נה] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, צ"א.

[נו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא בתחילתו בהשמטה "אחד היה אברהם".

דארף מען האבן א התקשרות צום רבי'ן, מיט די ספרים און די תפילות, רעדן מיט חברים. ברוב הזמן ווערט נשרש אין אים נקודות פון אמת. טאמער גיט ער זיך א גליטש, כאפט ער זיך שוין צוריק צום אויבערשטן, ער לאזט נישט עס זאל אזוי אוועקגיין ביי אים לאנגע צייטן.

❖

## נישט געוואלט קוקן אויף אים

(ר' נחמן: דעם וועמען מען האט געבראכט צום רבי'ן און דער רבי האט געזאגט: "וואס האט איר מיר געבראכט - א פעסל קישקעס?" - ער איז געווען א גדול?) אזוי ווייזט אוים - אז זיי האבן געהאט א טעות אין אים, אוודאי[נז].

איך האב דעם "אהל אלימלך", שטייט דארט א מעשה[נח] אז ביים רבי'ן ר' אלימלך איז אויך אזוי געווען: דער חוזה האט איינמאל געזעהן ווי איינער א רב דאוונט זייער געשמאק, האט ער צוגעווארט ביז ער האט אפגעדאוונט און ער האט אים געוואלט נעמען צום רבי'ן ר' אלימלך. האט דער רב געזאגט אז ער איז יעצט זייער (טרוד במילי דמתא). האט דער חוזה צוגעווארט אפאר טעג, און ער האט אים געבראכט צום רבי'ן ר' אלימלך. (כשנכנסו) האט דער רבי ר' אלימלך אוועקגעדרייט דעם קאפ - אפילו קוקן האט ער נישט געוואלט אויף אים.

נאכדעם האט אים שוין דער רבי ר' אלימלך געזאגט אז אינגאנצן יענעמ'ס עבודה איז - ער וויל מדריגות אין עבודה.

איינער וויל מדריגות - און למעלה מאכט מען דאס אוועק אינגאנצן.

---

[נז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות קנ"ה.

[נח] עיין שם אות קכ"ו.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה "ט' תיקונים"[נט]: 'פארן איבערשטן זאל ער שטיין 'כדל וכרש' - אזוי ווי א גארנישט, ער זאל נישט אנהענגען אין קיין שום זכות'.

ביי אונז איז דאך נישט שייך די זאך פון 'מדריגות' - וואס זענען שוין אונזערע מדריגות? מיר רעדן פשוט, מען דארף דאס אליין זיך איינ'חזר'ן, גוט געדענקען, מיר שטייען ברוך השם ביי אזא אמת'ן צדיק, ביי אזעלכע אמת'ע ספרים, און מען מעג זאגן - אפילו אמת'ע חברים האבן מיר אויך אז מען וויל, און מיר זענען שלימזל'ניקעס, מען ניצט עס נישט אויס.

יעדער איינער וועט האבן היתרים, היתרים; (אבער אויבן וועט ער זעהן) 'דו האסט נישט געפאלגט - מען האט דיר געהייסן און דו האסט נישט געפאלגט!' דארטן וועט מען גארנישט קענען רעדן, מען וועט אליין זעהן - דער אמת פון דארטן איז אזוי גרויס אז עס איז גארנישט שייך ער זאל זאגן אנדערש, ווייל וואס מען וועט אים זאגן, וועט ער אליין זעהן - 'אוודאי האב איך נישט געפאלגט, אוודאי האב איך נישט געטון!'.

דא קען ער זאגן - 'יא, וואס קען איך טוהן?!' - דאס איז אלץ אז דו ווילסט זיך פטר'ן קענסטו זיך פטר'ן זייער שיין. אבער דער וואס וויל טאקע דעם אמת'ן אמת - וואס וועט מיר ארויסקומען אז יעדער וועט מיר זאגן 'עס איז גוט', אדער 'וואס קענסטו טוהן', 'איך בין שוין עלטער און שוואך' - אבער איך 'לעצמי'?!

דאס איז אויך אפשר דער פשט פון: "האמת עֵד לעצמו"; דאס איז א געוואלדיגער דיבור - 'האמת עֵד - לעצמו' - דער אמת אליין איז פאר מיר אליין (אַן

---

[נט] אות ה', וזל"ש: וּכְשֶׁמִּתְפַּלֵּל קֹדֶם הַדְּרוּשׁ, צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּתַחֲנוּנִים, וִיבַקֵּשׁ מֵאֵת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַתְּנַת חִנָּם וְלֹא יִתְלֶה בִּזְכוּת עַצְמוֹ; אַף עַל פִּי שֶׁעַכְשָׁו נִתְעוֹרֵר מַטֵּה עֻזּוֹ שֶׁל עֲבוֹדָתוֹ, אֵין זֶה הַמַּטֶּה כְּדֵי לְהִתְגָּאוֹת, אֶלָּא כְּדֵי לְהַכְנִיעַ הָרָע שֶׁבָּעֵדָה, כִּי בְּרַבִּים יֵשׁ בָּהֶם טוֹבִים וְרָעִים, וְצָרִיךְ לְהַכְנִיעַ הָרָע שֶׁבָּרָעִים כַּנַּ"ל. **אֲבָל לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲמֹד כְּדַל וּכְרָשׁ וִידַבֵּר תַּחֲנוּנִים, וְלֹא יִתְלֶה בְּשׁוּם זְכוּת.** וְזֶהוּ (דְּבָרִים ג): "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", שֶׁצָּרִיךְ לְדַבֵּר תַּחֲנוּנִים בְּשָׁעָה שֶׁרוֹצֶה לוֹמַר, הַיְנוּ קֹדֶם הַדְּרוּשׁ.

עֵד) מערער ווי טויזנטער מענטשן; אפילו אז טויזענטער מענטשן וועלן מיר זאגן - - **דער אמת - ער איז דער 'עד' פאר מיר! ער ווייסט ווער איך בין! ער ווייסט!**

ווען איך גיי ארום מיט אַן (אמת'ן) געדאנק, איך גיי ארום (מיט א מחשבה) צום אויבערשטן, שטיי איך אויף א שטיקעלע אמת, אבער אז איך גיי ארום מיט דמיונות און בלבולים, בין איך דאך אין עולם התוהו.

דער פסוק זאגט[ס]: "אֹתִי עָזְבוּ" - פארוואס לאזט איר מיר אפ?! "מְקוֹר מַיִם חַיִּים, לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם" - דו נעמסט זיך 'בורות נשברים'. אז א מענטש לאזט אפ דעם אויבערשטן, ער טראכט אנדערע געדאנקען, זאגט דער פסוק: "אותי עזבו, מקור מים חיים, לחצוב להם בורות בורות נשברים אשר לא יכילו המים"; וואספארא חילוף מאכסטו? פארוואס טראכסטו נישט פון מיר? פון וועלכע בעסערע זאך טראכסטו?!

[נו, מען דארף זיך שוין צוגרייטן, מען וועט זאגן יום כיפור קטן אין שול].

❖

## ער מיינט נאך אז ער האט צייט...

מען דאנקט דעם אויבערשטן, ברוך השם וואס מען קומט זיך צונויף כאטש איינמאל אין דער וואך - אויך א גרויסע זאך, אבער מען דארף זעהן עס זאל צופירן אויף דער גאנצער וואך. מען דארף געדענקען דאס אליין - מיר האבן א גרויסן רבי'ן, א בעל כח גדול, א בעל כח גדול!

אז איינער וויל אריינגיין אמאל אין א מלחמה, זעהט ער צו ער וועט אויספירן דער מלחמה צו נישט. אז ער וועט נישט אויספירן, פארוואס דארף ער פירן א מלחמה?! אבער דא מיט דעם כח פונעם רבי'ן קען ער אנהויבן - אז ער וועט אריינגיין וועט ער אויספירן.

---

ס ירמי' ב, יג.

ממילא קומט אויס, קיין צייט אויף צו רעדן דברים בטלים איז נישטא, מיר האבן צו טוהן אסאך, עס בלייבט נישט איבער קיין צייט אויף צו רעדן דברים בטלים - א חוץ וואס דברים בטלים איז אַן עוולה - אבער איך האב נישט קיין צייט אוועקצוגעבן דערויף, איך האב אזוי פיל ארבעט ארום זיך אז עס בלייבט מיר נישט איבער קיין צייט אויף צו רעדן דברים בטלים אויך.

און אויב אז ער מיינט אז ער האט יא צייט - דאס אליין איז א געוואלדיגער שקר, מען קען זיך אפנאַרן און מיינען אז ער האט צייט - דאס איז דאך א געוואלד אז א מענטש זאל אזוי ווייט מיינען אז ער האט צייט... ער מיינט ער האט צייט... עס איז דא אזוי פיל ארבעט ארום זיך און ער מיינט אז ער האט צייט צו רעדן.

❖ ❖ ❖

(ר' נחמן: בשעת דער רבי האט געזאגט איך האב עס אפגעשטופט אויף עטליכע און צוואנציג יאר, האט דער רבי דעמאלט געזאגט אז ער איז מבטיח זיינע מענטשן ביז פיר-פינעף דורות? - ר' שלמה וועקסלער שרייבט אז ער האט אזוי געהערט פון ר' נפתלי כהן!) **איך האב עס נישט געהערט**[סא].

---

[סא] עיין שיש"ק (החדש) ח"ג, אות תקנ"ה, מתוך כת"י של רבי שלמה וועקסלער ז"ל, וז"ל: "התורה הזאת (- בחצוצרות סי' ה') אמרה רביה"ק בראש השנה תקס"ג, ורימז בה לגזירת לקיחת אנשי חיל, ורימז בה שהוא כבר לאחר גזר דין; ועל ידי תפלותיו ותורותיו ועבודתו פעל אז להשהותה ולדחות יציאתה מכח אל הפועל עד כ"ה שנה בשנת תקפ"ז. **והבטיח אז בשנה הזאת לאנ"ש שלא יקחו מהם וזרעם וגם דור החמישי, וכנשמע מפי מוהר"ר נפתלי כ"ץ** (שיחיה) ז"ל (- חותנו של ראב"ן בזיוו"ש) **בשם אנ"ש** (שליט"א) **שכך נתקיים בחסד השם**, כי דבר אחד מדבריו הנוראים אחור לא ישוב ריקם, וכמובא מזה בספר חיי מוהר"ן אות א'. [וראש השנה חל אז ביום ב' ג', כשנה הזאת 'ת"ר חמל"ה' - תרפ"ג].

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

## מו"ה משולם זושא ראטענבורג הי"ו

מאנסי

**לרגל הולדת בנו**

**למזל טוב**

## מו"ה נתן האבערפעלד הי"ו

מאנסי

**לרגל הולדת נכדתו אצל**

**בנו ר' אהרן מירושלים עיה"ק**

**למזל טוב**

## לע"נ מו"ה דוב (בערל)

## במו"ה יקותיאל יהודה פיש ע"ה

נלב"ע ט"ז מנחם אב תשנ"ח

נתנדב ע"י משפחתו החשובה

בקשו רחמים מרובים עבור האברך

**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים